ביילע שעכטער-גאָטעסמאַן

# זון אין האָדסן

די שוואַרצע הײַזער אין נעפּלדיקער ווײַט
אַרום און אַרום דעם פֿלאַמעדיקן האָדסן:
אַ מעשׂהלע פֿון אַלט אַלטער צײַט
מיט בת-מלכּות און פּעאָדאַלע פּאַלאַצן.

זון אין האָדסן — איין גרויס פֿאַראיין,
אײַנגעפֿלאָכטן — איין גרויס פֿאַרגיין,
איין פֿלאַמעדיקער פֿײַערטאַנץ,
איין גאַנץ.

די פֿאַרטונקלטע הײַזער אין גראָען געדיכט,
שטרענגע היטערס אויף דער וואַך,
סע זאָל, חלילה, נישט פֿאַרלירן זיך
אַ שמץ זונענגאָלד אויף וואַסערפֿלאַך.

אַ ווערדיקע רעם זיי פֿאַר גלײַכן בילד,
ווי באַזאַכטע פֿינגער וואָלטן גלעטן, קילן
און שׂכלדיק, מיט יישובֿ-הדעת
דעם צעהיצטן האָדסן אײַנשטילן.

————

# גוט מאָרגן

צעעפֿנט זיך דאָס פֿענצטער פֿון טאָג
און אַ פֿרישע זשמעניע קלאַנגען
זיך אַרײַנגעשאָטן
ליניאַרע בילדער מיט קאָלירטע טענער
אָנגעהויבן דעם באַגינען
צעליכטיקט און צעשאָטנט
כ׳האָב פֿאַרקאַטשעט די אַרבל
באַפֿרײַט און באַלאָדן
זיך אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן
און מיט קליינע טריטעלעך געשפּאַנט
עולן פֿאַר די אויגן
פּאַפּירעלעך אין האַנט
גוט מאָרגן!